בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת נצבים תשע"ו** | **גליון 378 [שנה ח']**

**א איד קען שטיין שטענדיג פארן אויבערשטן און בעטן**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (כ"ט ט') דער ענין פון נִצָּבִים, שטיין פארן אויבערשטן, איז מסביר דער הייליגער תולדות יעקב יוסף לויט וואס ער האט געהערט פון זיין הייליגן רבין דער אור הבעש"ט זצוק"ל צו מפרש זיין דעם פסוק תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ (תהלים קב א) מיט א משל: עס איז געווען א קעניג וואס האט געמאכט א שמחה און האט געזאגט ווער עס וויל קען בעטן איין זאך פון קעניג און ער וועט אים דאס געבן, איז געווען דארטן א חכם וואס האט געבעטן אז ער וויל רעדן יעדן טאג מיטן קעניג דריי מאל, און דער קעניג האט דאס זייער געפעלן און דאס ערלויבט און וועגן דעם האט דער קעניג געגעבן פארן חכם זאכן וואס ער האט נישט געבעטן. דאס מיינט תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף, די תפילה וואס דער אויבערשטער זאל ענטפערן איז, לִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ, מען זאל שטענדיג זיין פארן אויבערשטן און אים קענען בעטן וואס מען דארף עכ"ד הבעש"ט הק', לויט דעם איז גוט אונזער פסוק אַתֶּם נִצָּבִים, ווי אזוי קען א איד האבן זיך געשטעלט אויף זיינע פיס און געהאלפן ווערן? לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, ווען ער איז שטענדיג פארן אויבערשטן, און בעט אים וואס ער וויל. (תולדות יעקב יוסף)

**מען דארף ארבעטן אויף די מצוות און מדות וואס מען איז ביי זיי שוואך**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל. (כ"ט ט) לכאורה איז שווער אויב עס שטייט שוין כֻּלְּכֶם פארוואס דארף שטיין כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל? נאר מען קען דאס פארשטיין מיטן מסביר זיין א אנדערן פסוק, וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם וגו' וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר לֹא־יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד: (דברים י טז יז) ווי קומט אריין לֹא יִשָּׂא פָנִים לֹא יִקַּח שֹׁחַד ביי וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם? נאר מיר ווייסן אז יעדער איד איז געקומען אויף דעם עולם צו מתקן זיין וואס ער האט קיילע געמאכט אין א פריערדיגן גילגול, און עס קען זיין אז א מענטש גיט א סאך צדקה און טוט א סאך חסד אדער ער לערנט אסאך, וואס דאס איז גוט! אבער אויב ער איז געקומען עפעס אנדערש מתקן זיין האט ער שכר פאר זיינע גוטע מעשים אבער ער האט נישט מתקן געווען אויף וואס ער איז דא געקומען. איז די עצה: א מענטש זאל גוט אריין טראכטן וועלכע מצוה אדער מדה פארלייגט זיך דער יצר הרע דאס מערגסטע אויף אים און עס איז שווער פאר אים, דאס איז די מצוה און מדה וועגן וואס ער איז געקומען דא צו מתקן זיין. דאס מיינט דער פסוק וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם, מען זאל גוט ארייננקוקן אין הארץ און זעהן וואס איז פארשטאפט, דאס מיינט וואס דער יצר הרע פארלייגט זיך די מערסטע, דאס דארפסטו מתקן זיין, וועט דאך דער מענטש זאגן: ער לערנט און טוט חסדים וועט אים שוין זיין גוט, שטייט אין פסוק אֲשֶׁר לֹא־יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד, דער אויבערשטער טוישט נישט איין מצוה אדער מדה וואס דו טוסט גוט, נאר מען מוז פאררעכטן וואס מען דארף מתקן זיין, און זוך צוארבעטן אויף דעם וואס דו ביזט געקומען מתקן זיין, מיט דעם קען מען מסביר זיין אונזער פסוק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם, וואס היום איז ראש השנה, (מדרש רבה און פסיקתא רבתי מא) כֻּלְּכֶם, מיינט מען דארף זיך גוט ארייננקוקן אין אלע איברים זיך אנגרייטן, לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, ביים יום הדין, כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, מען זאל זיין א גאנצער איד בשלימות און מתקן זיין פון פריערדיגן גילגול. מען זאל מקבל זיין צו פאררעכטן און אזוי וועט מען דורך מאכן דעם יום הדין זכאי. (תפארת שלמה ראדאמסק) [מיט דעם קען מען אפשר מפרש זיין דעם פסוק: רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ, (משלי יט כא) א מענטש טראכט אסאך אז ער טוט דאך גוטע זאכן ממילא וועט ער שוין האבן זיין תיקון, אבער וַעֲצַת ה' הִיא תָקוּם, דעם אויבערשטער האט דאך זיין עצה וועגן וואס דו ביזט געקומען מתקן זיין אויף דעם וועלט, ממילא פאררעכט יענס, וועסטו האבן דיין תיקון הנשמה. (שמח זבולון)

**שופר ברענגט תשובה**

פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה: (כט יז) זאגט רש"י א שלעכטע מענטש צווישן אייך. זאגט די תורה וואס איז די עצה פאר אזא מענטש? מען דארף זען ער זאל תשובה טאן דורך תקיעת שופר וואס דאס ברענגט אריין א הרהור תשובה אין א מענטש אזוי ווי עס שטייט (עמוס ג ו) אִם־יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ, דאס איז דער רמז דא שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה די ר"ת איז שופר, און וועגן דעם קען אויך זיין פארוואס מען ליינט פ' נצבים פאר ר"ה וועגן דעם רמז פון שופר וואס דאס ברענגט א מענטש צו תשובה טאן. (תפארת אבות – ר' בנימין פרידמאן מישקאלץ)

אז מען דערמאנט וועגן שופר וואס איז מעורר צו תשובה, איז כדאי צו ברענגען דעם הייליגן לשון פון בית אהרן פ' נצבים, וז"ל "כללו של דבר מאוד צריך כל אדם לעשות תשובה בראש השנה ובפרט בעת תקיעת שופר וכו' ועיקר הוא התשובה שהאדם עושה בימים הנוראים הללו ופשיטא בעת תקיעת שופר אשר עי"ז נתעלים כל העולמות ממטה למעלה וכשעושה כך אזי מחדש השם יתברך לבו ליראתו ומביא לזה העולם כל האורות עליונים ונפתחים מקורות הרחמים" עכ"ל.

**געלט איז אויך עבודה זרה**

וַיֵּלְכוּ וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּם וְלֹא חָלַק לָהֶם: (כט כה) דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פון וְלֹא חָלַק לָהֶם? נאר מען קען דא זאגן אז די תורה איז נצחיות און רעדט צו אלע דורות און דער פסוק וואס שטייט וַיֵּלְכוּ וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים, מיינט א אנדערע געטשקע, נישט פון האלץ אדער שטיינער, נאר די עבודה זרה פון געלט, [דער הייליגער בית אהרן פון קארלין, טייטשט הַצִּילֵנִי מִדָּמִים אֱלֹהִים (תהלים נא טז) אז דוד האט געבעטן אז דער אויבערשטער זאל אים היטן אז די געלט, דָמִים, זאל נישט זיין אֱלֹהִים, א געטשקע] און ליידע זעהט מען ווי די געלט איז גורם חילול שבת און מען ווערט פארלוירן אדער מען איז זיך מוסר נפש פאר געלט, און דאס איז אזוי ווי מען האט געטאן פאר עו"ז פון האלץ און שטיינער, און דאס הייסט געדינט עבודה זרה, דאס מיינט דער פסוק אֱלֹהִים אֲחֵרִים, דיין געלט איז עו"ז, און דאס מיינט וְלֹא חָלַק לָהֶם, ווייל א מענטש וואס זיין געלט איז עו"ז ווייל ער טראכט ער דארף טאן זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן עפ"י תורה ווייל נאר אזוי וועט ער האבן די געלט! זאגט די תורה וְלֹא חָלַק לָהֶם, אזא עשירות האט דער אויבערשטער דיר נישט געטיילט, ווייל דער אויבערשטער האט ליב נאר כשר'ע געלט, און אויב עס איז באשערט פאר דיר וועט דאס קומען בדרך היתר און גרינגערהייט. (תפארת אבות – ר' בנימין פרידמאן מישקאלץ)

*בעזהי"ת קומען מיר צום ענדע פון תשע"ו און אין תשע"ז וועט זיין דעם ניינטן יאר פון אונזער גליון, א דאנק פאר אלע געטרייע לייענערס און די וואס דרוקן די גליון פאר זייער שולן און צו די אלע גוטע אידן וואס גיבן אונז כסדר חיזוק מיט א גוט ווארט וואס דאס גיט אונז כח ממשיך צו זיין*

מיר ווינטשן כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה    דער קומענדיגער גליון וועט זיין אי"ה נאך סוכות תשע"ז

**אתרוגים מארץ ישראל און שיינע לולבים דרי וועט זיין ביי אונז צו פארקויפן אי"ה נאך ראש השנה**

## אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ד

דער נוסח "כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי" איז פון הרב משה בן קלונימוס געברענגט אין מחזור ויטרי עס איז געבויט אויף פיר פאלן און דער לעצטן פאל איז א פסוק פון תנ"ך חוץ פון ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל איז נישט א פסוק, אין ערשטע שטיקל איז מרומז משה די ר"ת פון צווייטע ווארט.

**1 כָּל מְ'קַדֵּשׁ שְׁבִיעִי כָּרָאוּי לוֹ, כָּל שׁ'וֹמֵר שַׁבָּת כַּדָּת מֵחַלְּלוֹ, שְׂכָרוֹ הַ'רְבֵּה מְאֹד עַל פִּי פָעֳלוֹ, אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ.** (במדבר א נב)

**2 אוֹהֲבֵי ה' הַמְחַכִּים בְּבִנְיַן אֲרִיאֵל, בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ כִּמְקַבְּלֵי מַתַּן נַחֲלִיאֵל, גַּם שְׂאוּ יְדֵיכֶם קֹדֶשׁ *וְאִמְרוּ לָאֵל, בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל.** (מלכים א ח נו)

[*וברכו, נוסח קארלין סטאלין]

**3 דּוֹרְשֵׁי ה' זֶרַע אַבְרָהָם אוֹהֲבוֹ, הַמְאַחֲרִים לָצֵאת מִן הַשַּׁבָּת וּמְמַהֲרִים לָבֹא שְׂמֵחִים לְשָׁמְרוֹ וּלְעָרֵב עֵרוּבוֹ, זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה' נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ.** (תהלים קיח כג)

**4 זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה בְּמִצְוַת שַׁבָּת גְּרוּסָה, חֲרוּתָה לַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּכַלָּה בֵּין רֵעוֹתֶיהָ מְשֻׁבָּצָה, טְהוֹרִים יִירָשׁוּהָ וִיקַדְּשׁוּהָ בְּמַאֲמַר כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה** (בראשית ב ב)

**5 יוֹם קָדוֹשׁ הוּא מִבּוֹאוֹ וְעַד צֵאתוֹ, כָּל זֶרַע יַעֲקֹב יְכַבְּדוּהוּ כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ, לָנוּחַ בּוֹ וְלִשְׂמוֹחַ בְּתַעֲנוּג אָכוֹל וְשָׁתוֹ, כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אוֹתוֹ** (שמות יב מז)

**6 מְשׁוֹךְ חַסְדְּךָ לְיוֹדְעֶיךָ אֵל *קַנֹּא וְנוֹקֵם, נוֹטְרֵי לַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, זָכוֹר וְשָׁמוֹר לְהָקֵם, שַׂמְּחֵם בְּבִנְיַן שָׁלֵם, בְּאוֹר פָּנֶיךָ תַּבְהִיקֵם, יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ, וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם,** (תהלים לו ט)

[*מנהג קארלין סטאלין זאגן נאר בין המצרים]

**7 עֲזוֹר לַשּׁוֹבְתִים בַּשְּׁבִיעִי, בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר עוֹלָמִים, פּוֹסְעִים בּוֹ פְּסִיעָה קְטַנָּה, סוֹעֲדִים בּוֹ לְבָרֵךְ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים, צִדְקָתָם תַּצְהִיר כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל אַהֲבַת תָּמִים, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים**

עס פעלט דא א גאנצן חלק צו משלים זיין אותיות ק,ר,ש, דאס איז א אלטן נוסח:

**8 קדשם במצותיך וטהרם כעצם השמים לטוהר, רוחך תניחמו כבהמה בבקעה תרד מן ההר, שבתם תשכנם בנחלת הסהר, כִּנְחָלִים נִטָּיוּ כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר** (במדבר כד ו)

ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל איז בגימ' תרי"ג -קיצור של"ה און אין ספר תורת אבות טייטשט: **ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**, אויב א איד איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים איז **תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים**, ווערט ישועות איז אלע עולמות. המשך על זמירות לשבת קודש יבא בגלין הבא.

## מדור העובדות
## פון א פראסטע בעל עגלה ווערט א בני עליה דורך ר' הערשעל'ע מרימינוב

עס האט זיך געמאכט א קבוצה חסידים וואס האבן געמאכט א נסיעה צו הרה"ק ר' צבי הירש משרת, ר' הערשעל'ע מרימינוב זצוק"ל, דער ממלא מקום פון זיין הייליגן רבין ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף מרימינוב זצוק"ל, זיי האבן גענומען א פראסטע בעל עגלה, א איד וואס האט נישט געוואלט וויסן פון זיין שורש, זיי האבן אפגערעדט אז ער נעמט זיי אהיים מאנטאג נאך שחרית. אין רימינוב זענען זיי אנגעקומען און דער בעל עגלה איז געגאנגען אין דעם אנדערע זייט פון שטאט  ווייט פון די חסידים. מאנטאג אינדערפרי שטייט דער בעל עגלה פארנט פון שול און ווארט אז די חסידים זאלן שוין אהיים פארן אבער דער רבי ר' הערשעל פלעגט זיך פארדביקן ביים דאווענען אז עס געדויערט א לאנגע צייט. דער בעל עגלה איז שוין אומגעדולדיג פון ווארטן אינדרויסן און גייט אריין אין שול און די ווערטער פון די חסידים וואס זיי האבן גערעדט פון די הנהגה פון זייער רבין ביים דאווענען האט אים געמאכט נייגעריג צו זען וואס עס טוט זיך דארט און ער גייט אריין אין שול.

ר' הערשעל'ע פלעגט זיך דרייען ביים דאווענען אהין און צוריק און ווען ער איז געווען פארטיפט אין די עולמות האט מען געוואוסט אז ווען דער רבי קומט מוז מען גיין אין זייט ווייל דער רבי האט גארנישט געזען! אפילו טיש און בענקלאך האט נישט דער רבי געשוינט, און ר' הערשעל'ע איז געווען א גיבור אויך, יעצט ווען דער בעל עגלה איז אריין אין שול און קוקט ווי דער רבי דאווענט און דרייט זיך און קוקט אים אן זייער מאדנע ווי דער רבי דרייט זיך, און דער רבי איז פונקט געגאנגען אנקעגען דעם בעל עגלה און די חסידים ווינקן אים ער זאל גיין אויפן זייט אוועק פון וועג פון רבין אבער ער פארשטייט נישט וואס מען וויל פון אים און מיט הימעלישע כוחות טרעפט דער רבי אן אין בעל עגלה וואס שטייט אין זיין וועג און דער רבי כאפט אן דעם בעל עגלה און הויבט אים אויף אזוי ווי א שטיק האלץ און שאקעלט אים און דער בעל עגלה איז נישט געווען קיין שוואכינקע און ראנגעלט זיך ארויסגיין פון רבין'ס הענט אבער די הימילישע כוחות פון רבין איז שטערקער און ער קען גארנישט טאן און ער זינקט איין פון בושה און ווארט וואס וועט דא זיין אבער דער רבי לאזט אים נישט אפ און האלט אים און שאקעלט אים אוים, ביז א פאר מינוט האט אים דער רבי אראפגעלאזט און דער בעל עגלה ווערט ווייס פון פחד אבער אויך פארשעמט און לויפט ארויס פון שול אין זיין וואגן.

ער איז שוין מלא כעס אויף דעם רבין און די חסידים און וויל אוועק פארן אבער די געלט באצאלט מען ווען מען קומט אהיים האט ער בלית ברירה געמוזט ווארטן. ווען מען האט געענדיגט דאווענען האבן די חסידים פארשטאנען אז זיי מוזן זיך מזרז זיין ווייל זיי ווייסן וואס עס ערווארט זיי פון בעל עגלה און זיי גייען שנעל צום וואגן און אנשולדיגן זיך פאר פארשפעטיגן און זאגן דעם בעל עגלה מען וועט אים מוסיף זיין, דער בעל עגלה איז נאך געווען צומישט און אין א שטארקן כעס האט ער זיך אנגערופן וואס מיינט אייער רבי אז איך וועל אים שווייגן וואס ער האט געטאן צו מיר און אזוי אויסגעשאקלט! איך בין שטארקער פון אים און איך ווען אים נאך לערנען אז מען פאנגט נישט אן מיט מיר!

די חסידים האבן געוואלט אוים פלאצן אין א געלעכטער וויסנדיג אז מען הויבט נישט אן מיט זייער רבין אבער סייג לחכמה שתיקה, יעצט איז די צייט זיך איינהאלטן מיט אלע כוחות און שווייגן און א וודאי נישט קיין געלעכטער! און מען פארט אין וועג, נישט רעדן בכלל וועגן זייער נסיעה און דעם געהויבענע שבת, ווייל זיי האבן מורא געהאט אז דער בעל עגלה זאל זיך נישט צולאזן אויף זיי אינמיטן וועג.

אבער צום וואונדער פון די חסידם מערקן זיי ווי צוביסלאך ווערט דער בעל עגלה מער און מער רוהיגער און זיי מערקן ווי דער בעל עגלה ווערט איינגעזונקן אין זיין מחשבות ווען פלוצלינג הויבט אים אן צו רינען טרערן און ער פרובירט דאס צו ווישן אבער עס פליסט און פליסט טרערן די גאנצע רייזע, ביז זיי האבן געהאלטן א ביסל מער ווי העלפט פון זייער וועג אהיים און דער בעל עגלה רופט זיך אן מיט א צובראכענע שטימער: איך האב מחליט געווען אז איך גיי תשובה טאן און זיין א ערליכער איד, און איך פיל אז דער רבי האט אין מיר אנגעצונדן א פייער פון אידישקייט ווען ער האט מיר צושאקעלט!

איך מוז זיך אנשולדיגן פאר אייך און איך פיר אייך צו א בעל עגלה וואס וועט אייך אהיים פירן ווייל איך מוז שוין צוריקפארן קיין רימינוב, ווייל דער רבי וועט מיר ווייזן די ריכטיגע וועג! די חסידים האבן אים פארשטאנען און אים געוואונטשן און אים מוחל געווען און זיי זענען אהיים מיט א אנדערע בעל עגלה.

דערווייל איז דער בעל עגלה געפארן צוריק קיין רימינוב צו ר' הערשעלע וואס האט אים זייער מקרב געווען און צוגעשטעלט מלמדים ביז א קורצע צייט האט ער שוין געקענט לערנען און דאווענען און דער בי האט אים אויפגעהויבן צו הויכע מדריגות און איז געווארן פון די בני עליה אין רימינוב זיע"א. (ספר כהן גדול משרת)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן

*א תהלים געדרוקט אין זיטאמיר מיטן פירוש דגל והודיה מיט מעמדות א זעלטענע שיינע מצב ווי ניי $25000, א תהלים דגל והודיה געדרוקט אין יוזעפוף וואס דער הייליגער קדושת יו"ט האט מקפיד געווען זאגן תהלים נאר אין דעם דרוק שיינע מצב $3000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $3000, ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש,,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל $1000, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA   718 438 8414  718 633 5500 T/f  Hours are 11-7:30  Fri  till 1:30,  To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת